ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל
תשיעי

שער
שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

•

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

•

## אבות פ״ג

(חלק יז)

יוצא לאור על ידי מערכת

„אוצר החסידים״

770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ושלש לבריאה

שנת הקהל

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות

שבוע פרשת אחרי מות־קדושים, ב־ח אייר, ה׳תשפ״ג (ב)

**Likkutei Sichot**

Copyright © 2023
by
Kehot Publication Society
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

The Kehot logo is a registered trademark of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# פרק שלישי

א. „רבי[1] חנינא[2] סגן הכהנים אומר הוי מתפלל בשלומה של מלכות שאלמלא מורהא[3] איש את רעהו חיים בלעו".

דאַרף מען פאַרשטיין:

א) רז"ל זאָגן[4] „מאן דבעי למהוי חסידא לקיים כו' מילי דאבות", וואָס דאָס מיינט, אַז די מסכתא אבות באַשטייט פון „מילי דחסידותא", פון אַזעלכע הנהגות וואָס מ'איז אין זיי ניט מחויב מצד הדין, נאָר מ'דאַרף זיי טאָן מצד „חסידות" — לפנים משורת הדין,

[על דרך ווי די הוראה אין דער ערש־טער משנה פון דעם פרק: „הסתכל בג' דברים ואין אתה בא לידי עבירה" — שורת הדין איז מחייב נאָר אַז דער איד זאָל ניט טאָן די עבירה בפועל, און אויף דעם איז מוסיף די משנה אַ הנהגה חסידותית שטייען אין אַ מצב פון יראת החטא (און דאָס איז אויך אַן עצה און אָנוועיז) אַז ער זאָל ניט צוקומען (אפילו נאָענט) דערצו — דורך אַריינטראַכטן זיך אין די דריי זאַכן איז „ואין אתה בא לידי עבירה"],

אָבער די הוראה „הוי מתפלל בשלומה של מלכות" האָט לכאורה ניט קיין שייכות צו אַ הנהגה פון מידת חסידות, אָדער צו אַ זהירות לפנים משורת הדין

אדרבא באַוואָרענען פון „חיים בלעו" — איז מוכרח ע"פ ציווים הכי חמורים בתורה[4*].

ב) וואָס איז דער דיוק הלשון „איש את רעהו חיים בלעו"? דער לשון וואָס איז רגיל ופשוט אין אַזאַ פאַל איז „הריגה", ווי דער לשון הכתוב[5] „אין יראת אלקים וגו' והרגוני", אָדער „גזילה" (אויב דאָ ווערט (אויך) געמיינט רויבעריי און געלט־שאָדן) וכיו"ב — פאַרוואָס ווערט דאָ גענוצט אַ חידוש לשון וענין „חיים בלעו"[6]?

ג) אַלע ענינים אין וועלט זיינען תלוי אין אידן[7], ווי עס שטייט[7*] „את העולם נתן בלבם". פון דעם איז פאַרשטאַנדיק, אַז דער ענין פון „אלמלא מוראה איש את רעהו חיים בלעו" איז דאָ אויך ח"ו באַ אידן[8], ואדרבה — דורך דעם וואָס

1) משנה ב.

2) כ"ה הגירסא בדפוסי משניות שלפנינו (ובע"ז ד, א). וכ"ה גירסת אדה"ז בסדורו. אבל בשינויי נוסחאות למשניות „חנני'". וכ"ה במס' ע"ז כת"י (נ.י. תשי"ז), ר"ח ע"ז שם. ובכ"מ. ולהעיר מר"ה יד, ב: א"ר חנינא ואיתימא ר' חנניא. ואכ"מ.

3) בע"ז שם „שאלמלא מוראה של מלכות" (ועד"ז בטור חו"מ סי' א „מורא מלכות"). וליתא בע"י, כת"י הנ"ל ור"ח שם. ראה דק"ס שם. וראה נחלת אבות לאבות כאן.

4) ב"ק ל, א. וראה לעיל ע' 347 הערה 7.

*4) שצריך לשמור לחייו וחיי רעך (שלא יבלעו חיים). וגם הפרט ד„הוי מתפלל כו'", הרי מ"ע על היחיד להתפלל על חייו (ראה רמב"ם הל' תפלה פ"א ה"ב. חינוך מצוה תלג. שרש מצות התפלה בתחלתה).

5) וירא כ, יא.

6) בתו"ח לע"ז שם: לפי שהכתוב המשיל את בני האדם לדגי הים והדגים בולעין זה את זה חיים לכך נקט הכי. אבל במאמר ר' חנינא עצמו לא נזכר כלל הכתוב „ותעשה אדם כדגי הים" שבע"ז שם, ומובן שנקט הכי כי יש מצב ותוכן כזה גם בבני אדם. וראה מגן אבות (להרשב"ץ) — הובא במד"ש כאן: ולשון הכתוב הוא כו'. ובמצו"ד לתהלים קכד, ג.

7) כמוכרח ע"פ מרז"ל (רש"י ורמב"ן ר"פ בראשית. ועוד) בראשית — בשביל ישראל שנקראו ראשית.

*7) קהלת ג, יא. לקו"ת במדבר ה, ריש ע"ב.

8) ראה פיה"מ להרמב"ם (תרגום קאפח):

אידן פירן אויס די הוראה, ווערט דער ענין אויך אויפגעטאָן אין וועלט (אַז עס זאָל ניט זיין „איש את רעהו חיים בלעו").

ולכאורה איז תמוה: ווי איז שייך מ'זאָל וועגן אידן זאָגן, אַז כאָטש ס'זיינען פאַראַן כו"כ קלאָרע ציוויי ה' בזה, איז ווען ניט די מורא פון מלכות וואָלט אַ איד „איינגעשלונגען" (און ניט סתם אַ צווייטן, נאָר אַפילו) „רעהו"[9]?! און בפרט, כנ"ל, אַז דאָ רעדט זיך וועגן אַ אידן וואָס (לערנט אבות, ווייל) „בעי למהוי חסידא" — דאַרף ער האָבן די באַוואָרעניש פון „הוי מתפלל בשלומה של מלכות" אַז ער זאָל ניט „בולע" זיין „רעהו"?

ב. נאָך דעם געבראַכטן מאמר שטייט אין דער משנה[10]: „רבי חנינא[11] בן תרדיון אומר שנים שיושבין ואין ביניהם דברי תורה הרי זה מושב לצים כו' אבל שנים שיושבין ויש ביניהם דברי תורה וכו'".

שוין מערערע מאָל גערעדט[12], אַז דער פאַנאַנדערטייל פון די משניות איז בדיוק [און דאָס איז נוגע להלכה למעשה*[12]: ווען איינער איז מקדש את האשה „על מנת שאני יודע לשנות" (אַז די קידושין זיינען אויפן תנאי אַז ער קען משניות), דיש לומר אַז עס זיינען געווען (און נויטיק) צו קענען דריי משניות[13]], וואָס י"א אַז (אויך) צוליב דעם האָט דער אַלטער רבי אַריינגעשטעלט די מסכתא אבות אין זיין סידור[14] — צו וויסן דעם אופן פון חלוקת המשניות.

איז ניט מובן: וואָס איז דער המשך און שייכות פון מאמר „שנים שיושבין וכו'" צום מאמר „הוי מתפלל בשלומה כו'", וואָס דערפאַר שטייען ביידע אין איין משנה? — לכאורה זעט זיך ניט קיין קישור צווישן זיי[15].

[ואדרבא, די סברא איז מחייב, אַז דער מאמר האָט אַ שייכות און דאַרף צוגעשטעלט ווערן צו דער ווייטערדיקער משנה „ר' שמעון אומר ג' שאכלו . . ולא אמרו עליו דברי תורה", וואָס אויך דאָרט רעדט זיך וועגן דעם עילוי פון דברי תורה בחבורה (און דער חסרון פון אַ חבורה אָן דברי תורה)].

ג. דער ביאור אין דעם:

וויבאַלד די מסכתא אבות אַנטהאַלט „מילי דחסידותא", ווי דערמאָנט אויבן,

---

כלומר לולא יראת המלכות היינו בולעים זה את זה חיים. ועד"ז הוא במחז"ו: שאילולי לא היתה יראתה של מלכות עלינו כו' היינו בולעים אחד את חבירו כו'. ולהעיר מהגירסא במחז"ו שם, בש"נ למשניות וכת"י ע"ז הנ"ל (הערה 2): „בלענו".

9) ראה מדרש שמואל בסוף הפיסקא ואפשר. ובפי' מר' משה אלשאקר.

10) לגירסת אדה"ז בסדורו. וכ"ה במשניות דפוס ראשון (נאפולי, רנב), כת"י פארמה (ג), כת"י תמני. וכ"ה בדפוסי משניות וש"ס שלפנינו. ובמשניות שעם פי', מדרש שמואל וכו' הוא משנה בפ"ע. וכ"ה בכת"י קופמאן, כת"י פארמה (א), כת"י פריז.

וראה ספר יש סדר למשנה למשניות (מהר"י (פיק) ברלין) בתחלתו ד"ה אלה החוקים, ועוד.

11) כ"ה בסידור אדה"ז. וגם כאן שינויים, וע"ד הנ"ל הערה 2. ובלחם נקודים (להיעבץ): חנני'. כ"ה ברוב הספרים. ואכ"מ.

12) ראה לקו"ש ח"ד ע' 1175. ועוד.

*12) ואולי י"ל שנפק"מ גם לענין „המהלך בדרך ושונה ומפסיק ממשנתו" (משנה ז' לקמן (לגי' אדה"ז). וראה מדרש שמואל שם מהרב ר' משה אלמושנינו).

13) חלקת מחוקק אה"ע סל"ח סק"מ (וראה ב"ש שם סקנ"א). ועד"ז להסברא שהביא שם ש„די במשנה אחת".

14) ראה שער הכולל פ"ל ס"ג.

15) ויתירה מזו: בבא הא' מדברת בענין שנוגע לכל העולם (ראה רש"י, מח"ו, מאירי, רבינו יונה, רע"ב ועוד), והכי מוכרח לישוב העולם „אלמלא מוראה איש את רעהו חיים בלעו", ובבא הב' — בענין הנוגע רק לישראל (לימוד התורה), ובמדריגה הכי נעלית שבו — „שכינה שרוי'".

דאָס הייסט אַז דאָס זיינען הוראות פאַר אַ אידן וואָס איז גאַנץ און אָפּגעהיט אין לימוד התורה און קיום המצוות און אים פעלט נאָר די הנהגה פון מידת חסידות —

איז במילא פשוט, אַז ס'איז ניט דאָ קיין אָרט אים אָנצוזאָגן ער זאָל ניט באַ'גזל'נען אַ צווייטן אידן, און אַוודאי ניט דער ציווי ער זאָל ניט אָנרירן דעם לעבן פון אַ אידן (איז במילא פשוט פאַרוואָס דאָ שטייט ניט אַ באַוואָרעניש פון „איש את רעהו הרגו" אָדער באַ'גזל'ט);

דער דיוק איז דאָ דווקא „(. . איש את רעהו) חיים בלעו": ער וויל ניט אָנרירן ח"ו דעם לעבן (און אייגנטום) פון צווייטן אידן, זיין רצון איז „נאָר" — „חיים בלעו", אַז דער לעבן (די מציאות און די מעשים) פון צווייטן זאָלן זיין „איינגעשלונגען" אין זיין מציאות*[15].

ולפעמים איז אדרבא — די מעלות וואָס ער האָט, אַז ער איז גאַנץ אין לימוד התורה און איז אָפּגעהיט אין מצוות, כנ"ל, און קעגן דעם זעט ער פיל חסרונות ביים צווייטן אידן, בפרט ווען יענער איז אַן איש פשוט אין ידיעת התורה און אַמאָל אויך מיט אַ העדר הזהירות אין קיום המצוות — ברייננגען עם צו, און זיינען באַ עם מכריח[16] די מסקנא, אַז יענער דאַרף זיין בטל צו אים. און נאָכמער — עס איז אַ זכות און אַן עילוי פאַר יענעם אַז ער וועט זיין „איינגעשלונגען" אין זיין מציאות.

ד. כדי צו שולל זיין אַזאַ הרגש און הנהגה איז ניט גענוג אַ שכל'דיקע הסברה, וואָרום, אדרבה, מצד שכל אמתי — וואָרעם דאָ רעדט זיך ניט וועגן אַ שוטה רשע וגס הרוח, ח"ו — איז דאָ אַן אָרט פאַר אַזאַ טענה: סוף כל סוף איז ער דאָך אַ גדול אין תורה און אין קיום המצות וכו', אין דער צייט ווען „רעהו" איז גאָר ווייט פון דער מדריגה — און דער חשבון איז אמת און אויסגעהאַלטן לויטן דרך און מאָס פון תורה[17], ובפרט אויב יענער דאַרף אָנקומען צו אים אין לימוד התורה און הוראות אין קיום המצות.

און דעריבער, אפילו נאָך דער גאַנצער (וויבאַלד נאָר שכל'דיקער) הסברה און חשבון, אַז ער דאַרף זיך פירן אַנדערש, וועט ער נאָך אַלץ ניט קענען אָפּטרעטן פון זיין הנחה, אַז רעהו דאַרף זיין בטל און „בלוע" אין זיין מציאות.

די עצה צו פועל זיין ביי זיך שלילת הנ"ל כדבעי, איז צו מקיים זיין די הוראה פון דער משנה „הוי מתפלל בשלומה של מלכות", וואָס דורך דעם[18] וועט ביי אים דערוועקט ווערן די מורא פון מלך מלכי המלכים הקב"ה[19] — און דער הרגש היראה האָט בכח צו פועל זיין ביי אים, אַז ער זאָל זיך ניט האַלטן גרויס לגבי אַ צווייטן אידן*[15].

די הסברה אין דעם: רז"ל[20] זאָגן „מלכותא דארעא כעין מלכותא דרקיעא", די הסברה דערפון איז, כידוע[21],

*15) להעיר מפי' המהר"ל (בספרו דרך חיים) כאן.

16) ע"ד מרז"ל בהמונע תלמידי מלשמשו כו' (כתובות צו, א).

17) להעיר ממחז"ל (ספרי (ופרש"י) עקב יא, כב. וראה כתובות קיא, ב. ועוד): ולדבקה בו (ע"י) הדבק בחכמים ובתלמידים.

18) ראה טושו"ע (ושו"ע אדה"ז) בתחלתו.

19) להעיר מפי' הריטב"א הובא במדרש שמואל כאן בתחלתו. מדרש דוד (לר' דוד הנגיד — נכד הרמב"ם) „אבל תוכו של המאמר כו'". זרוע ימין להחיד"א. זרע יצחק למשניות. ועוד.

20) ברכות נח, א. זח"א קצז, רע"א. ח"ג קעו, ב.

21) ראה זח"א שם. ובכ"מ. ובארוכה (בהבא לקמן) ראה בד קודש.

אַז „מלכותא דארעא" קומט אַראָפּ דורך השתלשלות פון „מלכותא דרקיע" — דער מלך דאָ למטה האָט זיין שורש אין זיין „שר" למעלה, און דער שורש פונעם „שר" איז אין אַ העכערער דרגא, און אַזוי העכער און העכער — „גבוה מעל גבוה שומר"[22] — ביז צו מלכות פון „מלך מלכי המלכים הקב"ה".

דערפון איז פאַרשטאַנדיק, אַז בשעת עס איז דאָ „שלומה של מלכות" בפשטות, אַז „מלכותא דארעא" הערשט מיט אַ שלימות כו', איז דער אמת'ער טעם וסיבה צו דעם, ווייל אין „מלכותא דארעא" זאָגט זיך אַרויס דער שורש, „מלכותא דרקיע" — מלכותו של הקב"ה — מיט אַ גרעסערן תוקף[23].

און דערפאַר, ווען אַ איד וואָס האַלט שוין ביי „מילי דחסידותא" (ובמילא זעט ער יעדער ענין ווי ער איז לאמיתתו) איז זיין תפלה אין דעם ענין פון „שלומה של מלכות", פילט ער אין דעם (ביז — מיט אַ ראי' מוחשית[24]) מלכותו[25] של הקב"ה[26]; ובמילא ווערט ביי אים נתעורר דורך „מלכותא דארעא", דער הרגש ה„מורא" פאַר מלך מלכי המלכים הקב"ה[27] — און די עצם יראה פאַר דעם אויבערשטן פועלט אַז ביי אים ווערט נכנע אויך די התנשאות, זיין גרויס האַלטן זיך לגבי אַ צווייטן אידן — ווייל מלכותו ית' איז דאָך „השוה[27*] ומשוה קטן וגדול", דער גדול שבגדולים איז לגמרי ניט תופס מקום פונקט ווי דער קטן שבקטנים.

ה. דער יצר הרע איז אָבער אַן „אומן"[28] אין זיין אַרבעט צו אַראָפּפירן דעם מענטשן פון דרך הישר — דעריבער איז ניט גענוג דאָס וואָס ער אַליין, מיט זיינע אייגענע כוחות, וועט זיך מתבונן זיין אין ענין פון „שלומה של מלכות" (אַז „מלכותא דארעא" איז „כעין מלכותא דרקיע כו'", כנ"ל); וואָרום ס'איז עלול אַז נאָך אַ געוויסן זמן זאָל די התבוננות אויפהערן צו ווירקן כדבעי, צוליב די תחבולות היצר, ביז די „מורא" וועט ווערן אָפּגעשוואַכט און — אינגאַנצן נתבטל ווערן.

דערפאַר איז מודגש אין דער הוראה „הוי מתפלל בשלומה של מלכות": ניט פאַרלאָזן זיך נאָר אויף דער התבוננות

---

22) קהלת ה, ז.

23) להעיר מתורת שלום ע' 204.

24) להעיר מסה"מ עת"ר ע' נא. סה"מ קונט' ח"א רכו, ב ואילך. ועוד.

25) להעיר מפי' הבחיי (הובא בלקו"ת צו יב, סע"ב ואילך) במ"ש (משלי כד, כא) ירא את ה' בני ומלך. וראה פי' הצ"צ עה"פ (אוה"ת נ"ך ח"ב ע' א'כ), ובתורת שמואל סו"ס תרכ"ח.

26) ועפ"ז יש לבאר שדוקא ע"י קיום ההוראה „הוי מתפלל בשלומה של מלכות" דבנ"י עד באופן של מילי דחסידותא, מתקיימת המוראה של מלכות השוללת „איש את רעהו חיים בלעו" בהנהגת העולם (כנ"ל ס"א):

אצל אוה"ע מצ"ע אין „מוראה של מלכות" כ"א רק היראה מהדין ומשפט והעונש בפועל. ויראה זו אין בכוחה למנוע שלא יהי' איש את רעהו חיים בלעו — שכל חייו ומציאותו של השני יהיו „בלועים" ומכוסים במציאותו הוא, באופן שלהשני לא יהי' שום ענינים משלו, כי יהי' זקוק ונצרך לפרנסתו וכיו"ב להגדול ממנו (שהרי בזה אין דין ומשפט עונש כיון שאינו גונב וגוזל מרעהו);

אבל עי"ז שאיש הישראלי מתפלל בשלומה של מלכות, שיורגש במלכותא דארעא מלכותא דרקיע, הר"ז פועל גם באוה"ע „מוראה של מלכות" השוללת „איש את רעהו חיים בלעו".

27) להעיר מהמסופר באדה"ז שכשהי' במאסר כשבקרו הקיסר (בבגדים אזרחים) חלק לו כבוד מלכות באמרו בודאי הנך קיסר כו' כי מלכותא דארעא כעין מלכותא דרקיע ובהכנסך לכאן הרגשתי בנפשי יראה ופחד כו' (בית רבי ח"א פט"ו. וראה בד קודש).

*27) פיוט „וכל מאמינים" (בתפלת ימים נוראים).

28) ראה שבת קה, ב: כך אומנתו כו'.

מיט אייגענע כוחות, נאָר ער מוז אָנקומען צו מתפלל זיין — צו תפילה טאָן און אויסבעטן אַז דער אויבערשטער זאָל אים העלפן בטובו ובחסדו חסד חינם (וכמאמר רז״ל[29]: „אלמלא הקב״ה עוזרו אין יכול לו״) בכהנ״ל — ביז אַז דורך דער „מלכותא דארעא״ זאָל ער מכיר זיין און דערפילן דעם אויבערשטנ׳ס מלכות[30].

ו. דערמיט וועט זיין מובן דער ווייטערדיקער המשך פון דער משנה „שנים שיושבין ואין ביניהן דברי תורה כו׳״: דער ריכטיקער באַוויז אַז דער אדם (וואָס האַלט ביי מילי דחסידותא, נאָכדעם ווי ער האָט געלערנט תורה כדבעי און איז זהיר אין מצוות) האָט באמת מבטל געווען זיין געפיל פון התנשאות און גאוה לגבי דעם זולת — איז אין דעם וואָס אויך זיין לערנען תורה איז אין אַן אופן[31] פון „שנים שיושבין כו׳״[32].

והביאור: דער עיקר מציאות פון אַ לומד תורה (וואָס וועגן אים רעדט זיך אין פרקי אבות, כנ״ל) איז דאָס גופא — זיין עסק אין תורה, און אַלע זיינע אַנדערע ענינים זיינען ניט מער ווי טפל׳דיקע זאַכן. ווי דער פסוק[33] זאָגט: „אל יתהלל חכם בחכמתו גו׳ הגבור בגבורתו גו׳ עשיר בעשרו (וואָס חכמה, גבורה און עשירות זיינען זאַכן וואָס ענדערן זיך אין גאַנג פון זמן) כי אם בזאת יתהלל גו׳ השכל וידוע אותי״, תורה איז אַ זאַך וואָס איז שטענדיג, נצחית — „כי הם חיינו ואורך ימינו״, וע״ד רז״ל[34] „מניח אני כל אומנות שבעולם ואיני מלמד את בני אלא תורה כו׳ בנערותו כו׳ בזקנותו כו׳״.

און וויבאַלד אַז תורה איז דער אמת׳ער מהות פון דעם עוסק בתורה, איז מובן, אַז דער ביטול פון זיין מהות ומציאות ווערט געמאָסטן לויטן הרגש הביטול וואָס ער האָט ביים לערנען תורה.

און דאָס איז דער דיוק „שנים שיושבין כו׳״: כל זמן אַז דער לומד איז (מרגיש אַז ער איז) איינער וואָס יושב ועוסק בתורה, ער איז דער חכם ועוסק ומחדש חידושים אין תורה, איז זיין לערנען ניט באופן פון „שנים שיושבין״ — ניט ווי צוויי וואָס לערנען זיצנדיק באַגלייך, אין אַ גלייכער „ישיבה״; וויבאַלד ער האַלט זיך פאַר אַ „ראש ישיבה״ און דעם

29) סוכה נב, ריש ע״ב. קדושין ל, ב.

30) ע״פ הנ״ל תובן השייכות לבעל המאמר רבי חנינא סגן הכהנים שי״א* שהי׳ מעשרה הרוגי מלכות, שהמלכות הרג אותם בשליחותו של הקב״ה [וראה ב„מדרש אלה אזכרה״ וב„מעשה עשרה הרוגי מלכות״ דברי ר״י בן בבא ועוד: אנו חייבים מיתה למלך גדול ונורא והוא מסר אותנו ביד מלך כו׳].

31) ומה שמתחיל „שנים שיושבין ואין ביניהם דברי תורה הרי זה מושב לצים״, כי זה בא בהמשך ישיר להשלילה „איש את רעהו חיים בלעו״ — ראה מדרש שמואל בתחלתו (הובא בתויו״ט בקיצור) דפירושו, שאפילו עוסקים בתורה הם עוסקים כל אחד לבדו ואינם מתחברים ללמוד בחברה כו׳ וקראם לצים כו׳ כיון שבגאותו וגאונו מתלוצץ כ״א בקרבו מידיעת חבירו כו׳, ע״ש. וראה ד״ה החלצו תרנ״ט פ״י.

32) וזוהי השייכות לר״ח בן תרדיון שהי׳ מעשרה הרוגי מלכות (לכל הדיעות), והי׳ יושב ועוסק בתורה ומקהיל קהלות ברבים כו׳ ונשרף וספר תורה עמו (ע״ז יח, א. ובהמצוין לעיל הערה 30).

33) ירמי׳ ט, כב־כג.

34) משנה ובריי תא סוף קידושין.

*) סה״ד ג״א תתפ ד״ה ר״ע נהרג. וראה טושו״ע או״ח סתק״פ ס״ב (מבה״ג): בכ״ה בו (סיון) נהרג רשב״ג ורבי ישמעאל ור״ח סגן הכהנים. אבל בהמדרשים (איכ״ר ב, ד. מדרש תהלים ט, יג. ועוד. ובמדרשים שבפנים ההערה), וכן במחזור ליוהכ״פ פיוט „אלה אזכרה״ ובקינות „ארזי הלבנון״ לא נמנה בהעשרה.

צווייטן — ווי איינער וואָס זיצט ווי אַ תלמיד (און ווער ווייס אין וועלכער שורה[35]).

דווקא ווען ער איז בטל מיט אַן אמת, דעמאָלט איז זיין לימוד מיטן רעהו וכו' אינעם אופן פון „שנים שיושבין" — כאחד, ניט פילנדיק די מעלה פון איין לומד לגבי דעם צווייטן[36];

און דעמאָלט ווערן „שכינה שרוי'", וואָס שכינה איז דער גילוי פון מלכותו של הקב"ה[37],

וכידוע[38]: בשעת אַ איד פועלט ביי זיך דעם ביטול (דורך „הוי מתפלל בשלומה של מלכות" כנ"ל) אַז ער איז בבחי' „שנים שיושבין", דעמאָלט איז „שכינה שרוי'" — עס ווערט נתגלה די בחי' פון מלכותו של הקב"ה (מלכותא דרקיע) ווי דאָס איז מצ"ע, ניט נאָר דורך התלבשות אין מלכותא דארעא, וואָס דורך דעם ווערט די שלימות היראה און ביטול צו אלקות ווי דאָס איז מצד הקב"ה[39].

ז. ע"פ כל הנ"ל וועט מען אויך פאַרשטיין דעם לשון און דעם סדר אין פסוק[40] וואָס ברענגט זיך אין דער משנה „אז נדברו יראי ה' איש אל רעהו ויקשב ה' וישמע ויכתב ספר זכרון לפניו ליראי ה' ולחושבי שמו" —

דלכאורה: וויבאַלד מען רעדט דאָ וועגן „שנים שיושבין ויש ביניהם דברי תורה", פאַרוואָס רופט מען זיי אָן „יראי ה'" (און וואָס איז דאָ נוגע זיי אָנצורופן מיט דעם תואר)? —

דאָס וואָס „יש ביניהם **דברי תורה**" פועלט אַז „שכינה שרוי' ביניהם" איז דערפאַר וויל דער „נדברו" איז אין אַן אופן פון „יראי ה'": ביי זיי איז (דורך דעם „מתפלל בשלומה של מלכות" וכיו"ב) די יראה פון מלך מלכי המלכים הקב"ה אין אַן אופן גלוי ניכר ונרגש, אַזוי אַז זייער „נדברו" אין תורה[41] איז מצד דעם וואָס זיי זיינען אין דער דרגא פון „יראי ה' איש אל רעהו" (דער היפך פון „איש את רעהו חיים בלעו"), דערפאַר קומען זיי צו דורך זייער לימוד התורה צו דער מדרי' פון „חושבי שמו", כולל אויך — אַז ביי זיי דערהערט זיך אַז „כל התורה" איז — „שמותיו של הקב"ה"[42].

(משיחות ש"פ שלח תשל"ה)

---

35) ראה ב"ק קיז, א.

36) ראה מדרש שמואל הנ"ל הערה 31.

37) ראה בהנסמן לעיל הערה 19. תניא פנ"ב. ובכ"מ.

38) וראה תניא פ"ו.

39) ראה סידור עם דא"ח הערה לתיקון חצות.

40) מלאכי ג, טז.

41) להעיר מהענין דהבאת שלום (תורה) בין אדם לחבירו (שנים שיושבין) ה"ז הקדמה ומביאה השלום בין איש (ת"ת, שלום) לאשתו (מלכות — ונעשה שלומה של מלכות) — לקו"ת אמור לח, ב. ועוד.

42) רמב"ן בהקדמתו לפי' עה"ת, ע"פ זח"ב פז, א. לקו"ת ר"פ מצורע ובכ"מ.